| פאליסי טיטל:<br>**צוטריט פאליסי**<br><br>מעלדונג:<br>**OPR-POL-001**<br><br>גילטיג דאטום:<br>**יוני 26, 2015** | NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. Parks, Recreation and Historic Preservation<br><br>אפטיילונג:<br>**אפעראציעס** |
|---|---|

**קיצור**

OPRHP איז געטריי צו מאכן אלע מעגליכע פרואוון צו פארזיכערן אז דער אגענטור'ס פאסיליטיס, פראגראמען, און סערוויסעס זענען אוועילעבל און נוצבאר פאר באזוכער מיט אלע ערליי מעגליכקייטן. דער אגענטור וועט פארזיכערן אז מען פאלגט אויס די אמעריקאנער מיט באגרעניצונגען אקט (Americans with Disabilities Act), די ניו יארק סטעיט בויען קאוד (New York State Building Code), און די ניו יארק סטעיט מענטשליכע רעכטן געזעץ (New York State Human Rights Law) באדינגונגען פאר פובליק אקאמאדאציע צו פארבעסערן צוטריט פאר אלע מיטגלידער פון די באפעלקערונג.

---

**פאליסי**

צוטריט צו סטעיט פארקס, היסטארישע פלעצער און פראגראמען און סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די אגענטור וועט ווערן אוועילעבל דורך פיזישע אויסשטעל, ספעציעלע צוגעפאסטע ריקריעישאן געצייג, פארטייטשונג הילפסמיטלען, און מעסיגע אקאמאדאציעס.

- אלע ניי-געבויעטע אדער באדייטנד איבערגעמאכטע פאסיליטיס און טרעילס וועלן אויספאלגן די לעצטיגע צוטריט אויסשטעל סטאנדארטן.
- אלע עקזיסטירנדע פאסיליטיס און טרעילס וועלן ווערן אפגעשאצט פאר פאלגזאמקייט מיט די לעצטיגע סטאנדארטן און א פלאן איבערצומאכן אלע נישט-אויספאלגנדע אייגנשאפטן וועלן אנטוויקלט ווערן און אריינגיין אין קראפט. ביי פראפערטיס וואס זענען בארעכטיגט אדער אויסגערעכנט אין די סטעיט אדער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע פלעצער, וועט די פלאן עס איבערצומאכן אנטוויקלט ווערן אינאיינעם מיט די סטעיט היסטארישע פרעזערוועישאן אפיס און אין איינקלאנג מיט OPRHP'ס פאליסיס אויף קולטור ריסאורס באשיצונג.
- אלע ניי-אנטוויקלטע פראגראמען און סערוויסעס צוגעשטעלט צו די פובליק דורך די אגענטור וועלן אויספאלגן די לעצטיגע צוטריט סטאנדארטן.
- אלע עקזיסטירנדע פראגראמען און סערוויסעס וועלן ווערן אפגעשאצט פאר פאלגזאמקייט מיט די לעצטיגע סטאנדארטן און א פלאן איבערצומאכן אלע וועלכע זענען נישט פאסיג וועט ווערן אנטוויקלט און איינגעפירט.
- אלע מעסיגע אקאמאדאציע פארלאנגען וועלן געשיקט ווערן צו פאסיליטי שטאב און ערפולט ווערן ווי ווייט מעגליך.

- רעדער-שטולן זענען ערלויבט אין יעדע אפטיילונג וואס איז אפן צו פיסגייער. א רעדער-שטול איז אפגעטייטשט אלס א מענטש-געפירטע אדער עלעקטריש-געפירטע אפאראט געמאכט הויפטזעכליך פאר די באנוץ פון א מענטש מיט א באוועגונג דיסאביליטי פאר די הויפט ציל פון זיך באוועגן אינערוויינינג און\אדער אינדרויסן.

- אין איינקלאנג מיט די OPRHP אנווייזונג דאקומענטן, וועט די באנוץ פון אנדערע עלעקטריש-געפירטע באוועגונג דיווייסעס ("OPDMD") דורך מענטשן מיט באוועגונג דיסאביליטיס ערלויבט ווערן אין אלע פאסיגע לאקאציעס אין סטעיט פארקס און היסטארישע סייטס, אויסער אויב זיי: א) שטעלן א זיכערהייט געפאר פאר דער באנוצער אדער פאר אנדערע מיטגלידער פון די פובליק וואס נוצט דער פאסיליטי; אדער ב)קען האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף נאטורליכע אדער היסטארישע ריסארסעס. פערמיטס ארויסגעגעבן דורך די פאסיליטי וועלן ווערן געפאדערט פאר געוויסע דיווייסעס און רעגיסטראציע קען געפאדערט ווערן ביים אנקומען צו די פאסיליטי. נארמאלע שנעלקייט באגרעניצונגען און אנדערע זיכערהייט-פארבינדענע פאדערונגען קענען אנטוויקלט ווערן און זאלן געשילדערט ווערן און\אדער אריינגערעכנט ווערן אין פערמיטס. אין געוויסע אומשטענדן, קען OPDMD זיין ערלויבט אין געוויסע צייטן, און נישט ערלויבט אין גאר פארנומענע צייטן. צום ביישפיל, זיי קענען ערלויבט ווערן אויף א ספעציפישע וועג דורכאויס וואכן טעג, אבער נישט ערלויבט ווערן אויף וויקענדס ווען א הויכע צאל באזוכער קען מאכן דאס פארן אויפן וועג א געפאר.

- סערוויס באשעפענישן וועלכע זענען ספעציעל טרעינירט צו טון ארבעט אדער אויפגאבעס פאר די בענעפיט פון א מענטש מיט א דיסאביליטי וועלן ערלויבט ווערן אין אלע לאקאציעס אפגעזעהן פון אנדערע פעט פאליסי באגרעניצונגען, אויסער אויב זייער אנוועזהייט שטעלט א געפאר פאר זיך אדער פאר די פובליק וואס באנוצט זיך מיט דער פאסיליטי. סערטיפיקאציע אדער אידענטיפיקאציע אלס א סערוויס באשעפעניש איז נישט געפאדערט און זאל נישט פארלאנגט ווערן. אין קיין שום פאל זאל מען נישט בעטן א מענטש אויסצוזאגן זיין אדער איר דיסאביליטי. ווען דער באנוץ פון א סערוויס באשעפעניש איז נישט מערקבאר, קען מען פרעגן: א) אויב דער באשעפעניש פארלאנגט זיך צוליב א דיסאביליטי; און ב) וועלכע ארבעט אדער אויפגאבע דער באשעפעניש איז טרעינירט אויסצופירן. טעראפי הינט זענען אפגעטייטשט אלץ די וואס שטעלן צו טערעפאטישע און עמאציענאלע שטיצע. טעראפי הונט זענען נישט סערוויס באשעפענישן און קענען באהאנדלט ווערן לויט די פאסיליטי'ס פעט פאליסי.

- אינפארמאציע וועגן צוגענגליכע פאסיליטיס און פראגראמען וועט ווערן געמאכט גרינג אוועילעבל דורך אונזער אגענטור וועבזייטל און ביי אונזער פאסיליטיס און וועט אריינגעלייגט ווערן אין אויסגאבעס און אינפארמאציע מאטריאל.

- אגענטור ארבעטער וועמענ'ס פאראנטווארטליכקייטן נעמען אריין פובליק פארבינדונג וועלן טרענירט ווערן צו פארשטיין זייער פאראנטווארטליכקייטן און וויאזוי צו ענטפערן פארלאנגען פאר אינפארמאציע און מעסיגע אקאמאדאציעס.

- דער אגענטור וועט נוצן אן עדוויזארי גרופע ענטהאלטנדיג מיטגלידער וואס פארטרעטן מענטשן מיט פארשידענע סארטן דיסאביליטיס.

**אנדערע פארבינדענע אינפארמאציע**

ניו יארק סטעיט מענטשליכע רעכטן געזעץ, ארטיקל 15
אמעריקאנע מיט דיסאביליטיס אקט
ניו יארק סטעיט בויען קאוד
OPRHP צייטווייליגע אנווייזונגען דאקומענט אין פארבינדונג מיטן באנוץ פון אנדערע עלעקטריש-געפירטע באוועגונג דיווייסעס אין NYS פארקס און היסטארישע סייטס (אקטאבער 14, 2011)

**היסטאריע**

| | |
|---|---|
| סעפטעמבער 7, 2011 | צוטריט פאליסי ארויסגעגעבן דורך קאמישינער Rose Harvey. |
| יוני 26, 2015 | איבערגעקוקט און איבערגעמאכט דעם 2011 פאליסי מאכנדיג מינימאלע ענדערונגען צום אינהאלט. |